Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

כז.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## כז.

מיין טאטע קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך האָב פלוצלינג אָנגעהויבן זיצן אינדערהיים אַ גאנצן טאָג, און איך באזוך נישט די חברים מיינע, די מאמע האט אים איבערגע־געבן אַ פאַרזאָרגטע, אז איך ליג אויף דער קאַנאפע אַ גאנצן טאָג. ער האָט זיך געווענדעט צו יעקבן און האָט זיך געקליגלט ארויסצוציען ביי אים ווערטער: אפשר בין איך דאָרט באַליי־דיקט געוואָרן ?... אָבער דער לעצטער האָט אים גאָרנישט געקענט אויפקלערן.

דאן האָט ער באַשלאָסן מיר צו אנטפלעקן זיין סוד און זיין געדאנק, וואס ער טראכט וועגן מיר, נאָך איידער ס׳איז געקומען די צייט דערצו. ס׳איז אים געווען שווער זיך איינ־צוהאלטן און צו פאַרבאָרגן זיין באגער צו וויסן, ווי גרויס ס׳איז די סכנה. אָבער ער איז פארבליבן ביי זיין אומפאר־שטענדניש ...

מיין באציאונג איז, ויאָס אַן אמת, געווען בלויז מאנגל אין גלויבן אין אזא גליק און נישט קיין ווידערשטאנד, וואָס פליסט ארויס פון הארצן. דאָס איז געווען קלאָר פאר מיין טאטן, ווארום איך פאַרענטפער מיך דאך אזוי: וואָס דארפסטו מיר פארדרייען אַ קאָפּ מיט זאכן פון משיחצייטן? וועסט דעמאָלט רעדן, ווען דו וועסט הערן א תשובה פון משה שמערלס״ אָבער צייטנווייז גיב איך צו נאָך פאַרשיידענע ווערטער — און דאָס זענען שוין רייד פון א משוגענעם ממש, וואָס זענען

דאָס פּאַרא תירוצים ? „איך דאַרף פאָרן קיין אויסלאַנד" — אָבער פאָרן אַזוי, איז דאָך די גאַנצע נסיעה ווערט אַ „איבערגעבראָכענטע שטראָף" ; אדרבה, דאַן קען זיין, אַז איך וועל פאָרן אויף עובדמאַנס הוצאות און אונטער זיין אויפזיכט, און דאַן קען אפשר פון מיר ארויס אַ לייטישע כּלי ; „איך בין נאָך נישט געשטאַנען צום מיליטער" — אָבער איז טאַקע משום דעם! אזוי בין איך שפּעטער א זיכערער זעלנער, און משה וואָלט מיך געוועסט אויסגעלייזט ; „איך שטיי נישט אין שידוכים" — אָבער איך האַלט דאָך אויך נישט, אַז אַ מענטש דאַרף נישט חתונה־האָבן דאָס גאַנצע לעבן ...

— פונוואַנען נעמסטו עס, אַז איך האַלט נישט אזוי ?

— אַז יעדער מענטש דאַרף שטאַרבן אַ נישט־חתונה־געהאַטער ?

— איך זאָג נישט „יעדער מענטש" ; יעדער מענטש קומט נישט מיך פרעגן ... איך זאָג ...

— נו, וואָס, אדרבה, וואָס זאָגסטו ?

— איך זאָג, אַז איך בין איך ... ס'הייסט, מיר איז אַלציינס ... כ'מיין צו זאָגן, ס'איז נישט קיין אונטערשייד, צו מ'וועט מיך יאָ וועלן צו נישט ...

אָבער מיין מיטשמועסער שמייכלט מיט אַ געמאַכט שמייכעלע און ער הויבט מיך אָן צו פאָרשן פון דער אַנדער זייט : צו איך האָב געהאַט אין N. באַקאַנטע מיידלעך ?

— געהאַט ... איז דעריבער ?

— גאָר נישט ... איך בין אויסן גלאַט אזוי לשם שמועס ... און פון וועמען האָסטו עס היינט באַקומען דאָס רוסישע בריוול ? אמת, ס'איז נישט נוגע ... אַ גאַנצער בריוו געשריבן אויף רוסיש ... פונדעסטוועגן, דיינע באַקאַנטע פריינט דאָרטן זענען געבילדעטע מענטשן ... דיינע באַקאַנטע פריינט, און אפשר דיינע באַקאַנטע פריינדינס, כאַ־כאַ־כאַ ... איך וואָלט געוואָלט זען די „האַנטשריפט" ... אַ שיינע האַנטשריפט ... קענסט מיר עס נישט ווייזן ?..

— נאַ דיר.

ער נעמט חיימאָוויטשעס בריוו און קוקט אין אים אַריינ־לייענען רוסיש אויף צו פארשטיין קען ער נישט, און דערי־בער היפערט ער אַריבער די גאנצע פילאָזאפיע און השתפכות, וואס באגלייטן די וויכטיקע נייס, אז דער שרייבער פונם בריוו איז אנגעקומען אין א פאבריק אויף צו ארבעטן דאָרט ווי איי־נער פון די פשוטע ארבעטער. צומלעצט קומט צו דער לייע־נער צום אונטערשריפט „דיין פריינט" — און ער בּאַרואיקט זיך. דיין פריינט און נישט דיין פריינדין...

– הם... אַ שיינע האנטשריפט!..